# תפילה צו זיך ראטעווען פון דער קורונה-ווירעס

## "ה' מִסִּינַי בָּא..."

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ – אִיךְ דַאנְק און לוֹיבּ דִיר אוֹיפְן חֶסֶד וָואס דוּ הָאסְט מִיר בַּאשַׁאפְן מַיין קֶערְפֶּער מִיט גְרוֹיס קְלוּגְשַׁאפְט און אִין אִיר אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ רֵיינֶע צִיכְטִיגֶע נְשָׁמָה. שׁוֹין יָארְן לַאנְג וָואס דוּ דֶערְלֶעבְּסְט אוּנְז מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּנְז שֶׁענְקֶענְדִיג פְּרִישֶׁע זִיסֶע אָטֶעמְס טָאג טֶעגְלִיךְ אָן אוֹיפְהֶער. און אֲפִילוּ ס'גֶעפִינְט זִיךְ גֶעפֶערְלִיכֶע בַּאקְטֶערְיֶעס און שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלוֹת אִינֶעם לוּפְט, אֵייבִּיג אָן קַיין אוֹיסְנַאם הָאסְטוּ מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט און פוּן מַיינֶע קְרֶענְק אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אַצִינְד הָאסְטוּ יֶעצְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיפְן וֶועלְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶפִּידֶעמִיע מִיטְן נָאמֶען 'קוֹרוֹנָה', און דִי דָאזִיגֶע מַחֲלָה אִיז וִוי אַ 'קֶענִיג' פוּן אַלֶע קְרֶענְק (קְרוֹין – קוֹרוֹנָה) און זִי שְׁרַייט אוֹיס צוּ אוּנְז: נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעוועלְטִיגְט. קוּק נָאר צוּ, קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט פַּארְטִילִיגְן, נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע דָאקְטוֹירִים און נִישְׁט דִי מַאכְטְפוּלְסְטֶער לֶענְדֶער, און אַזוֹי טוּט זִי דִיךְ בַּאקְרוֹינֶען. און גְלַייךְ וִוי אַ קֶענִיג וָואס וַוארְפְט זַיין קְרוֹין אוֹיף מֶענְטְשְׁן און טוּט זַיי שֶׁעדִיגְן כְּדֵי זַיי זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אִין אִים, אַזוֹי טוּסְטוּ אַרָאפְּוַוארְפְן דַיין קְרוֹין – קוֹרוֹנַה און קְרַאנְק מַאכְן דִי אָנְגֶעשְׁטֶעקְטֶע כְּדֵי אוּנְז אוֹיפְצוּ-וֶועקְן, און דַווקָא יֶעצְט קֶענֶען מִיר קְלָאר דֶערְזֶען דַיינֶע פוֹּלֶע גוּטְס – אַז דוּ בִּיסְט דֶער 'מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד' – אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייטְן שְׁפַּייזְטוּ אוּנְז מִיט רַחֲמָנוּת און גְנָאדֶע.

אִין אֶמֶת'ן אַרַיין וֵייס אִיךְ אָז דִי קוֹרוֹנַה פַאר זִיךְ אִיז מַאכְטְלָאז, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ קֶענִיג וָואס עֶר אִיז דֶער מִיט מַאכְט און נִישְׁט זַיין קְרוֹין. און אַ יֶעדֶע מָאל וָואס מ'דֶערְמַאנְט דִי מַחֲלָה דֶערְמַאנְט מֶען דִיךְ, וַוייל אוּנְז אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז דַיין שָׁלִיחַ, דַיין טוּאוּנְג.

און מִיט דֶער מַחֲלָה ווילְסְטוּ אוּנְז דֶערְמַאנֶען דִי אַלֶע מָאלְן וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט, וֶוען אוּנְז עֶר קֶערְפֶּער הָאט פַּארְדַייעֶט טָאג טֶעגְלִיךְ אָן אַ צָאל שְׁלֶעכְטֶע גֶערְמֶעס (germs) און בַּאקְטֶערְיֶעס, זֵיי אַרוֹיסְשִׁיקְנְדִיג פוּן זִיךְ – און דָאס הָאסְטוּ אוּנְז מְרַמֵז גֶעוֶוען אִין אִיר; 'קְרָאוּ-נָא' – 'רוּף אוֹיס צוּ מִיר' גְלַייךְ וִוי בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי 100 'בְּרָכוֹת' – צוּ זוּכְן און טְרֶעפְן אַ הוּנְדֶערְט גוּטְס צוּ דַאנְקֶען אוֹיף בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג מִיט אַ כְּרִיעַת 'בָּרוּךְ' פוּן דַאנְקְבַּארְקַייט, און אַזוֹי טַאקֶע הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי מַגֵּפָה אִין זַיינֶע צַייטְן. און דוד הַמֶּלֶךְ עֶנְדִיגְט תְּהִילִים – זַיין סֵפֶר פוּן לוֹיבּ צוּ דִיר, מִיטְן גְרֶעסְטְן חֶסֶד פוּן אַלֶץ – "כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל קָהּ" וִוי חז"ל טַייטְשְׁן: 'אוֹיף יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אָטֶעם, דַאנְק אִים' (עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה הֱוֵי מוֹדֶה לוֹ).

יָא! לִיבֶּער טַאטֶע, פוּן הַיינְט אָן טוּעֶן מִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן, אָנְהוֹיבְּנְדִיג אַנֶערְקֶענֶען אִין דַיינֶע גוּטְס, אָטֶעמְס און גֶעזוּנְט וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז בַּאשַׁאנְקֶען, פוּן יֶעצְט אָן וֶועל אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן מַיינֶע אוֹיגְן מִיט דַאנְקְבַּארְקַייט דִיךְ צוּ זֶען און דַאנְקֶען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, "סְלַח לָנוּ כִּי חָטָאנוּ", זַיי אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד און אוֹיף דֶער אוּמְדַאנְקְבַּארְקַייט. אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט פְרֵייד, זִיךְ נִישְׁט קֶענֶענְדִיג בַּארוּאִיגְן וִוי אַזוֹי דוּ הִיטְסְט אָפּ אוּנְזֶער קֶערְפֶּער גֶעזוּנְטֶערְהַייט מִיט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִּים, און וִוי אַזוֹי דוּ שְׁפַּייזְט אוּנְז שׁוֹין יָארְן לַאנְג 'כְּיַד הַמֶּלֶךְ', עֶרְפִילֶנְדִיג אוּנְזֶערֶע אַלֶע בַּאגֶערְן און גְלוּסְטֶענִישְׁן, הָאבְּן אוּנְז מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג זִיךְ בַּאקְלָאגְט אוֹיף אוּנְזֶערֶע אַיינְגֶערֶעדְטֶע פֶעלְן פוּן גוּטְס, פַאְרַפַּאסְנְדִיג צוּ זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חַסְדֵי ה' וָואס נֶעמְט אוּנְז אַרוּם.

פוּן הַיינְט אָן ווילְן מִיר דִיר דַאנְקֶען און טַאנְצְן פַאר דִיר יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי גֶעוַואלְד פוּן עֶסְן און בַּאדֶערְפֶענִישְׁן וָואס אוּנְז פַּארְמָאגְן, און אוֹיפְן חֶסֶד פוּן גֶעזוּנְט – צוּ אָטֶעמֶען פְּרִישֶׁע לוּפְט, פְרַייוויליג אָן קַיין מַאשִׁינֶען.

און בְּלִי נֶדֶר וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן יֶעדֶע שָׁעָה פַאר אַ מִינוּט צוּ דַאנְקֶען אוֹיפְן פַּארְבַּייגֵייעֶנְדִיגֶע שָׁעָה און צוּ דִיר אוֹיסְבֶּעטְן אוֹיף מַיין גֶעזוּנְט און אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

און יֶעצְט וֶוען מִיר זִיצְן אַלֵיינְס, אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶעמֶען מִיט מוֹרָא פוּנֶעם מַחֲלָה, טוּעֶן מִיר דוּרְכְמִישְׁן אוּנְזֶער זִכָּרוֹן זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אִין אַלֶע גוּטְס דַיינֶע מִיט אַ גֶעזַאנְג פוּן לוֹיבּ צוּ דִיר טַאטֶע.

אָב הָרַחֲמָן, אַצִינְד נָאכְן מְקַבֵּל זַיין צוּ פַארְבֶּעסֶערְן מַיינֶע וֶועגְן און לֶעבְּנְסְשְׁטַייגֶער, טוּ אִיךְ דִיר בֶּעטְן מִיט אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ: טַאטֶע לֵייז מִיךְ שׁוֹין אוֹיס פוּן דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער מַגֵּפָה, הִיט אוּנְז אַלֶע אָפּ פוּן אִיר – מִיךְ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן און גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. טֵייל אוּנְז אָפּ פוּן דִי גוֹיִם, דֶערְוַוייטֶער אוּנְז פוּן זֵייעֶרֶע וֶועגְן און זַיי מְקַיֵּים: "כִּי אַתָּה ה' לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי" – אַז דוּ וֶועלְסְט אוּנְז אִיזוֹלִירְן פַּארְמַאכְטֶערְהַייט פוּן דִי צַד הַטֻּמְאָה, פוּן זֵייעֶרֶע שְׁמוּץ און זִינְד גְלַייךְ וִוי בַּיי מַכַּת בְּכוֹרוֹת, און אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ 'לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי' – צוּ זִיצְן פַארְזִיכֶערְטֶערְהַייט אָן אַ מַאנְגֶעל פוּן גֶעזוּנְט, עֶסְן אָדֶער פַּרְנָסָה.

אַזוֹי אוֹיךְ הִיט אוּנְז אָפּ פוּן וֶוערְן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט פוּן אַנְדֶערֶע, און אָז מִיר זָאלְן ח"ו נִישְׁט אָנְשְׁטֶעקְן אַנְדֶערֶע הֵן בְּגַשְׁמִיוּת – מִיט קוֹרוֹנָה, און הֵן בְּרוּחְנִיוּת – מִיט עַיִן הָרַע, קִנְאָה אָדֶער שִׂנְאָה.

לִיבֶּער דֶערְבַּארִימְדִיגֶער טַאטֶע, אִיךְ שְׁרַיי אוֹיס צוּ דִיר, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת, זֶע אוּנְזֶער פַּיין און צַעַר, אוּנְזֶער לַייד און וֵיי, הֵייל אוּנְז אוֹיס און לֵייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס, כִּי בָאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ!!!

אָנָּא, בַּייט דִי 'מַחֲלוֹת' צוּ 'מְחוֹלוֹת' – טֶענְץ פוּן פְרַייד און גֶעזַאנְג, און הִיט אוּנְז אָפּ פוּן 'מִלְחָמוֹת' (גּוֹג וּמָגוֹג) און בְּלָאז שׁוֹין דֶעם שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן סֶלָה.